ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## פרשת אמור

שנת תשע"א

**כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאביו:** לכאורה פארוואס שטייט קודם **אמו** און נאכדעם **אביו**, און שפעטער ביים **כהן גדול** שטייט **אביו ולאמו**?

זאגט דער **אמרי בינה** לויט די גמרא אז ביום הקמת המשכן איז געזאגט געווארן פאר אידישע קינדער אכט פרשיות, צווישן די אכט איז אויך געווען די פרשה פון טומאת כהנים. קומט אויס אז בשעת ווען די מצוה איז געגבן געווארן האט נאר געלעבט דריי כהנים, אהרן אלעזר און איתמר. אהרנ׳ס עלטערן האבן דאך שוין נישט געלעבט, און נדב ואביהו זענען אין יענעם טאג נפטר געווארן, קומט אויס אז דער ציוו איז נאר געווען פאר אלעזר ואיתמר אז זיי אויב אהרן וועט נפטר ווערן און איינער פון זיי וועט ווערן כהן גדול טאר ער זיך נישט מטמא זיין.

דאס איז אבער נאר אויב אהרן וועט נפטר ווערן פאר זיין פרוי, משא"כ אויב וועט זי פריער שטארבן, בלייבט דאך אהרן כהן גדול, און ביידע זענען כהנים הדיוטים מעגן זיי זיך יא מטמא זיין צו זייער מאמע.

וועגן דעם ביי הלכות פון כהן הדיוט שטייט קודם די מאמע און נאכדעם די טאטע, משא"כ ביים כה"ג שטייט קודם דער טאטע, ווייל נאר אויב דער טאטע ווערט נפטר פריער איז שייך די ציוו.

*

**אלה הם מועדי ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון מקרא קודש:** פרעגט שוין רש"י פארוואס ער דערמאנט שבת ווען מ׳רעדט פון די ימים טובים?

נאר עס איז דא א אינטערעסאנטער הסבר אין **שו"ת רדב"ז** וואס איז מסביר אז לכאורה ווען איז באמת שבת ויו"ט, פאר א איד אין ארץ ישראל איז שוין שבת איז אין חו"ל נאך וואכן, און ווען אין חו"ל איז נאך שבת איז שוין דארט מוצאי שבת. איז ער מסביר אז די מצוה פון די תורה איז אז יעדער איד לויט זיין חשבון דארף רעכענען זעקס טעג און נאכדעם איז שבת, און עס האט גארנישט צוטון אז אין א צווייטע מדינה איז יעצט נישט שבת.

זאגט אבער **הגה"ק רבי שאול אמסטערדאמער זי"ע** אז באמת דאס איז נאר געזאגט געווארן לגבי שבת, אבער יו"ט זאגט שוין די גמרא אז דאס ווענדט זיך בקביעות בי"ד, און אויב בי"ד האט בטעות מקדש געווען א צווייטן טאג פאר ראש חודש איז דאס הייליג, און מ׳מאכט יו"ט לויט דעם חשבון. ממילא קומט אויס אז יו"ט איז אלעמאל אזוי ווי די חכמים האבן געזאגט אפילו ביי א טעות, און כ"ש ווען עס איז נישט קיין טעות.

דאס זאגט דער פסוק **דבר אל כל בני ישראל**, צו אלע אידישע קינדער איבעראל, **מועדי ה׳ אשר תקראו אותם מקראי קודש**, די ימים טובים סיי ווען איר וועט עס קובע זיין אפילו אויב עס וועט זיין א טעות איז דאס אויך יו"ט, און עס איז **אלה הם מועדי**, איי וואס טוט זיך מיט שבת וואס מ׳קען נישט קובע זיין בטעות, ווי אזוי קען זיין שבת אויף די גאנצע וועלט צוזאמען, אויף דעם זאגט דער פסוק אז עס מוז נישט זיין צוזאמען, נאר די מצוה איז **ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון**, יעדער זאל ציילן זעקס טעג און דער זיבעטער טאג זאל זיין שבת, און לויט דעם וועט זייער גוט שטימען דער **שבת היא לה׳ בכל מושבותיכם**, אויף די גאנצע וועלט וועט קענען זיין שבת, יעדער איינער אין זיין צייט.

*

**וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימות תהיינה.** זאגט דער מדרש **אימתי הם תמימות בזמן שעשים רצונו של מקום.**

זאגט דער **רבי ר׳ יונתן זי"ע** לויט דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן אז אויב מ׳האט געשניטן דעם עומר בייטאג איז עס פסול, אבער אויב מ׳האט עס געשניטן ביינאכט און עס איז טמא געווארן שניידט מען דאס צום צווייטן מאל בייטאג.

לכאורה דארפן מען פארשטיין ווי אזוי איז שייך צו זאגן אז דער עומר איז פסול געווארן, איינע פון די עשרה נסים וואס זענען געווען אין ביהמ"ק איז דאך געווען **שלא נמצא פסול בעומר**? נאר די נסים וואס ווערט אויסגערעכנט אין די משנה איז נאר געווען **בזמן שישראל עושים רצונו של מקום**, משא"כ ווען אידן זענען נישט ערליך קען יא פאסירן א פסול אינעם עומר.

קומט אויס אז אויב אידן זענען ח"ו נישט ערליך, האט געקענט פאסירן א פסול בעומר, און מ׳האט געדארפט שניידן בייטאג, האט שוין געפעעלט די ערשטע נאכט פון די 49 טעג פון ספירה.

דאס זאגט דער מדרש **אימתי הם תמימות**, ווען קען מען זוכה זיין אז עס זאל זיין תמימות גאנצע 49 טעג און עס זאל גארנישט פעלן, דאס איז **בזמן שעושים רצונו של מקום**, ווייל דעמאלטס איז נישט געווען קיין פסול בעומר, און די קצירה איז געווען כשר, ממילא האט מען געהאט גאנצע מ"ט ימי העומר.

### ששת ימים תעשה מלאכה

רש"י הק׳ זאגט מה ענין שבת אצל מועדות ללמד שכל המחלל את המועדות כאילו מחלל את השבתות. לכאורה דארף מעם פארשטיין פון וואו זעהט מען דאס אין פסוק אז א מחלל המועדות איז ווי א מחלל שבת.

ענטפערט דער **הגאון רבי יהודה אסאד זצ"ל** אז א מענטש קען מקיים זיין מצות שבת אויף צוויי אופנים, איינס איז ווען איבער די וואך איז ער עוסק אין פרנסה און שבת קודש שטעלט ער זיך אפ פון די ארבעט, כדי זיינע אברים זאלן איין טאג אין די וואך האבן מנוחה.

אנדערע אידן היטן אפ דעם שבת ווייל דאס איז די מצוה און אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן.

דער חילוק צווישן די צוויי אידן דערקענט זיך ווען עס געפאלט יו"ט אינמיטן די וואך, וואס אויב ער היט יו"ט פונקט ווי שבת איז דאס א סימן אז ער טוט עס ווייל דאס איז דער ציווי השם, משא"כ אויב איז ער מזלזל בקדושת יו"ט, ווייזט דאס אז די גאנצע שמירת שבת איז אויך נאר ווייל ער וויל האבן וויקאציע, און נישט ווייל עס איז א מצוה.

פון דא האט רש"י צוזאמענגעשטעלט אז יום טוב מיט שבת האבן שייכות, ווייל איינס ווייזט אויף די צווייטע.

# אוצר הידיעות

## כהנים אויף קברי צדיקים

די וואך לערנען מיר אין די סדרה איבער דעם ענין פון **טומאת כהנים**, עס איז ידוע אז עס איז א גרויסע מדובר איבער די שאלה צי כהנים מעגן זיך מטמא זיין אויף קברי צדיקים, וויבאלד חכמינו ז"ל זאגן אז קברי צדיקים אינם מטמאין.

דער **רבי הדברי"י זי"ע** רעדט איבער דעם ענין אין **ספה"ק ויואל משה** (מאמר ב' סי' צ"ט) און ברענגט דארט אז אין ספה"ק **דברי יחזקאל** על התורה איז געדרוקט עטליכע תשובות להלכה, און די ערשטע תשובה איז דער בירור הלכה אין דעם ענין.

ווי אויך איז ידוע אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט אז איינע פון די עיקר טעמים פארוואס ער האט אונטערגענומען די נסיעה קיין ארץ ישראל בשנת תר"ל (לויט אנדערע דיעות תרכ"ט, אדער איז ער געפארן צוויי מאל ואכמ"ל) איז געווען, כדי ער זאל קענען אויפקלערן און מבאר זיין אז עס איז אן איסור מדאורייתא פאר כהנים צו גיין אויף קברי צדיקים.

דער רבי צייכנט צו דעם **ישמח משה** (פר' שמיני) וואס זאגט אז באמת צדיקים האבן נישט קיין טומאה און לויט דעם וואלטן די קברי צדיקים נישט געדארפט מטמא זיין, נאר דאס צו וויסן ווער עס קען ווערן אנגערופן א צדיק דאס ווייסט נאר דער רבש"ע אליין, וואס ער איז בוחן כליות ולב און א בשר ודם איז נישט ביכולת צו קענען דאס אליין באשליסן. דער רבי איז דארט מרחיב הדיבור מיט ראיות און בירורים איבער דעם ענין.

דער רבי האט געהאלטן למעשה אז כהנים זאלן נישט גיין אויף קברי צדיקים, אפילו אויפן קבר פון **רשב"י** אין מירון, וואס דארט האבן אסאך נוהג געווען להקל, האט דער רבי אויך מחמיר געווען. אינעם ספר **זקניך ויאמרו לך** (ח"א ע' ל"ד) ווערט געברענגט וואס עס דערציילט הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנז הי"ו אז ער איז געווען מיטן רבי'ן אין מירון בשנת תשט"ו לפ"ק, האט **הרה"צ המקובל ר' אשר זעליג מרגליות זצ"ל** געפרעגט דעם רבי'ן די שאלה צי א כהן מעג גיין דארטן אויפן ציון. דער רבי ז"ל האט נישט געוואלט פסק'נען און זאגן קלאר אז נישט, ווייל די וועלט פירט זיך אז מ'גייט יא. דער רבי האט שוין געהאט אנגעטון די תפילין, האט ער זיך ארויסגעדרייט פון צו ענטפערן א הוראה ברורה, און געזאגט אויף לשה"ק "אין לנו כאן כהן", ווי צו זאגן אז די שאלה איז דאך נישט נוגע יעצט אויף למעשה. - באמת איז דארט יא געווען א כהן האט מען אים געזאגט "גיי שנעל ארויס".

נאכדעם האט אים דער רבי געזאגט "**וידוע תשובת דברי יחזקאל**". דער רבי האט נישט געוואלט זאגן מפורש אז מ'טאר נישט גיין, בזמן ווען די גאנצע וועלט גייט דארטן, מען דוכנ'ט דאך יעדן טאג, מען דאווענט דארטן. למעשה האט מען געוואוסט אז פאר די נאנטע מענטשן וואס האבן געפרעגט דעם רבי'ן וועגן גיין קיין מירון (ר' הערש פינחס מאשקאוויטש ז"ל, ר' יאנקעלע כהן ז"ל) האט דער רבי גע'פסק'עט אז זיי זאלן נישט אריינגיין אין אוהל.

איבער דעם שמועס איז אינטערעסאנט צוצוגעבן וואס עס שרייבט הרה"ג ר' **שלמה אליעזר מרגליות זצ"ל** (בטעמי המנהגים הילולא דרשב"י בהערה) א לענגערן שמועס איבער דעם ענין און ער ברענגט פארשידענע דיעות פון צדיקים וואס האבן מתיר געווען און אנדערע וואס האבן גע'אסר'ט, שרייבט ער דארט בזה"ל "**ואחרון חביב זכינו לשמוע מפ"ק כ"ק אדמו"ר רשכבה"ג מרן מסאטמאר שליט"א בעת היותו בקודש במירון שאין דעתו נוחה מביאת הכהנים לבי כנישתא דרשב"י ור"א בנו, וצוה לכהנים שהיו עמו שיעמדו מחוץ לשני השערים סמוך להכביש**".

ועי' בס' **ציון לנפש חי'** וואס ברענגט בשם מהרש"א מרגליות ז"ל אז ווען דער רבי איז געווען אין מירון האט ער געהייסן פארן דאווענען אז די כהנים זאלן ארויסגיין, און זיין פאטער רא"ז האט זיך גע'טענה'עט איבער דעם ענין מיטן רבי'ן, און ער האט געברענגט א ראי' להיתר פון ספר **משנת חיים** וואס שרייבט אז דער אריז"ל האט געשיקט זיין תלמיד מהר"י כהן אז ער זאל זיך משתטח זיין אויפן קבר פון רבי יהודה בר אילעי ומי לנו גדול מהאריז"ל. האט אים דער רבי געענטפערט "אי משום הא איז נישט קיין ראי' ווייל מ'קען זיך משתטח זיין אויך סמוך ונראה צום קבר, און עס מיינט נישט דוקא אויפן קבר גופא". ועי' עוד בענין זה בס' משמרת שלום ובטעמי המנהגים שמאריכים בזה. ועי' בס' **ומשה היה רועה** חלק חמישי (פרק ) מכל זה באריכות.

# אוצר רבותינו

## ומיום השמיני והלאה ירצה

דער **הייליגער דברי יחזקאל זי"ע** האט אמאל דערציילט:

איינמאל בין איך געזעסן ביי א סעודה מיטן טאטן **דער דברי חיים זי"ע**, און מ'האט אריינגעברענגט זופ צו די סעודה, די זופ פארן טאטן איז געווען געמאכט פון עופות פלייש, און פארן ציבור האט מען געגעבן קעלבערן פלייש, איך האב אויך באקומען די זופ וואס דער עולם האט באקומען.

אינמיטן האט דער טאטע באמערקט אז איך עס נישט, פרעגט ער מיך "יחזקאל'ע פארוואס עסטו נישט?", און דער טאטע האט צוגערוקט דעם טעלער צו מיר, איך האב גענומען דעם לעפל אין די האנט און אויפגעהויבן און צוריק אראפ געלייגט, דער טאטע האט דאס נאכאמאל צוגערוקט, אבער איך האב נישט געגעסן, האט דער טאטע פארשטאנען אז עפעס גייט דא פאר, האט ער געשיקט פרעגן אין די קאך צי עס איז געווען א שאלה אויף די פלייש, ווייל אויב איז דאס **בשר שהורה בו חכם**, מעג זיך א צווייטער תלמיד חכם מחמיר זיין און נישט עסן.

אבער מ'האט געזאגט פון קאך אז עס איז נישט געווען קיין שאלה, האט ער גערופן דעם שוחט פרעגן אויב עס איז געווען א **סירכא**, האט דער שוחט געזאגט אז עס איז געווען 'גלאט', האט מען געשיקט רופן דעם קצב און דער טאטע האט אים געפרעגט אפשר איז די בהמה נאך געווען **פארן אכטן טאג**, וואס דעם אכטן טאג טאר מען נישט עסן די בהמה. ד'ער קצב האט אבער געזאגט אז ער ווייסט קלאר אז דאס איז שוין געווען עלטער פון אכט טאג.

איז מען געגאנגען ווייטער צו דעם איד וואס האט פארקויפט די בהמה, א פראסטער איד א עם הארץ, און מ'האט אים געפרעגט, האט ער געזאגט אז דאס איז געבוירן געווארן ביי אים און עס איז שוין זיכער העכער דעם אכטן טאג. אזוי רעדנדיג איז אויסגעקומען אז דאס איז א **בכור** און דער עם הארץ האט נישט געוואוסט אז עס איז דא א פראבלעם צו פארקויפן א בכור בזמן הזה.

ווען דער טאטע האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן "**יחזקאל'ע, בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני**"...

# יגעת ומצאת

מיר שטייען אין די טעג איידער דעם ביטערן טאג ה' אייר, וואס אין יענעם טאג האבן די ציונים אויפגעשטעלט זייער טמא'נע מדינה, און זייט דעמאלטס גייט אן זייער טומאה מיט וואס זיי האבן מעביר על הדת געווען טויזענטער אידן ל"ע, און די מדינה איז מעכב די גאולה שלימה און ביאת המשיח, ווען מיר דא איבערחזר'ן עטליכע מקיפ'דיגע ידיעות פון די ספרי רביה"ק זי"ע אין די ענינים, וואס איז נויטיג צו וויסן פאר א תלמיד פון די מוסדות פון כ"ק מרן רבוה"ק זי"ע ויבדלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**וואס זענען די שלש שבועות?** (עי' במס' כתובות דף קי"א ע"א) **ווי אזוי הייסן די דריי מאמרים אין ספה"ק ויואל משה? מאמר א': וועלכע ענינים ווערן דארט ארומגערעדט? מאמר ב': וואס איז דארט דער רבי זי"ע מברר? מאמר ג': וועלכע ענינים ווערן דארט ארומגערעדט? אין וועלכן יאר האט דער רבי ארויסגעגעבן דעם ספר ויואל משה? אין וועלכן יאר האט דער רבי ארויסגעגעבן דעם ספר על הגאולה ועל התמורה? וואס איז דעמאלטס געווען? וואס זענען די הויפט יסודות וואס דער רבי איז מברר אינעם ספה"ק "על הגאולה"?**

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס האבן שייכות מיט די שאלות פון "יגעת ומצאת")

**ויא"מ, דבר"י, עה"ג ועה"ת, חידו"ת, ת"צ**

❀ ❀ ❀

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' קדושים

א. ביהמ"ד עצי חיים סיגעט בוויליאמסבורג כבר נתייסד קודם ביאת רבינו ז"ל לארה"ב ע"י תלמידי העצ"ח ז"ל.

ב. ישיבת עצי חיים נתייסדה בשנת תשי"ט לפ"ק. ובשנת תשכ"ה ר"ח ניסן העתיק משכנו לבארא פארק.

ג. בא' האסיפות הראשונות של התאחדות הרבנים ורבינו ז"ל ישב בין הרבנים הצעירים בקצה השולחן, קרא לו דודו רביה"ק זי"ע וא"ל "בא לישב בראש השולחן, כי אתה צריך ללמוד איך להנהיג".

ד. רביה"ק הדבר"י זי"ע אמר שברור אצלו שמרן הבר"מ זי"ע לא יסכים לילך לעיר בארה"ק כי הוא שונא מאד את הציונים.

ה. רבינו אמר שקיבל על עצמו לדרוש בכל דרשה בגנות הציונים, כי שלא ישתמע שקרובי מרן הדבר"י אינם הולכים ח"ו בשיטתו.

ו. בשנת תשל"ד כבר היה מוכן לנסיעה אבל כיון שהבין מדברי מרן דודו הק' זי"ע שלא ניחא לי' הנסיעה, ביטל כל הנסיעה ברגע האחרון.